(1923 יאַנואַר) נומ׳ 4 IV אין זיך



### 4.

אין דעם גאַנצן פּלאַן פון מיין עסעי האָב איך דערוויילּ נים באַרירט די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע לידער פון אַ. לעיעלעס. כ'האָב זיי געלאָזט אויף לעצט, ווייל זיי קאָמבינירן אַלע כּעסרוינעס פון אַ. לעיעלעס מיט אַלע זיינע בעסטע מיילעס. אַ. לעיעלעס איז איינער פון די געציילטע, וואָס ווייסן דעם קישעף פון פרייען פערז, און ווייסן דעם סאָד פון זיין אינערליכער מוזיק. אָבער אַ. לעיעלעס מיסברויכט אים אויך און ברייננט אים אַ קאָרבן אויפ'ן מיזבייאַך פון דער לויזערער פרייהייט, דער מאָדאַם „אולטראַ־מאָדערניזם".

ס'איז נים געווען און האָט נים געדאַרפט זיין קיין שום אינערליכער דראַנג ביי אַ. לעיעלעס אָנצושרייבן די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע לידער זיינע. זיין איין ליד „טאַאָס" איז פאַר מיר, דעם פּאָעט, וויכטיקער, זוי אַלע זיינע נאַציאָנאַלע לידער צוזאַמענגענומען. ווען **אַ פּאָעט זאָגט, ער גיים אונטער, איז עס נאָך אַ יִנקלוזיוו געגוג פאַר געזעלשאַפטן, נאַציאָנען און ראַסן.** זיינע נאַציאָנאַלע לידער זיינען צייטפּייִנלעך אַן אַבאַרציע, מאָס און צינז צו אונזערע געקרוינטע נאַציאָנאַלע זינגערס, וואָס האָבן זיך גענומען באַגראָמען אונזער בראָך און מאַכן שנעלן געברויך פון אונזער אומגליק. מיט נאַציאָנאַלן אומגליק איז כּאָלילע ניטאָ וואָס צו שטאָלצירן. אומגליק איז דער געגנזאַץ פון קראַנקהייט. פעלקער זיינען ווי מענטשן, אָדער געזונט אָדער קראַנק. קראַנקהייט איז אַן אומגליק און נים שיין, און הויך זיך צו גאָרנלען וועגן דעם איז ניטאָ פאַר וואָס, סיידן שטאָף פאַר די, וואָס זיינען מעמונע איבער אונזער קוואַנטיטאַטיווקייט, די וואָס ציילן די זייטלעך פון אונזער ליטעראַטור און שפּרעכן אונז אָפּ אַ גוט־אויג און טאַנצן אונטער: קיין איין האָרע ווי מיר וואַקסן. די וואָס ראָיען זיך אין אונזערע וואונדן זיינען די פּייאַיקע קראַצערס, וואָס מאַכן פון אַ בלאָטערל אַ גאַנצן פאַרך.

דער ברייטער שליאַך פון דער נאַציאָנאַלער טעמע! ס'אַראַ ראַכוועס דאָרט איז! ווי פריי מען קאָן עס אַ שפּאַציר טאָן מיט „דעם וואָלף", „די שטאַל", „די נאַכט" און די אומערשעפּליכע לעבערליבע דילעטאַנטערייען פון „זרחי". מען האָט באַשפּינן דעם אייגענעם שוידערפּרינץ־אַלבערט און אָנגעטאָן שמוציקע אַרבעטער קליידער. וואויל! אָראָפּליכקייט, מיינע וואַרשעווער קאָלעגן, איז דער קורס. ארבעטער־קליידער זיינען איצט אין מאָדע, מיט דעם פּרינץ־אַלבערט! בראַוואָ! אָבער ווי העלפט מיינע אידישע באָלשעוויסטישע פּאָעטן. בראַוואָ! אָבער ווי העלפט מיר גאָט, כאָטש אַ פּאָר שיינע עטליכע טכום־שאַבעס פון אייך.

אַ. לעיעלעס איז אויך צוגעשטאַנען צום כאָר אונטער'ן דרוק פון דער צייט און אונטער דער פאָדערונג פון די יענע, וואָס האָבן געשריען: וואו איז דער וויי־געשריי פון דער צייט, מיט'ן אַקצענט אויף לעצטע געשעהעניש, אויף סאַמע לעצטע צאַפּלדיקע. אַ. לעיעלעס האָט ווייניקער געזינדיקט פון אַלעמען פּאָעטן דערפאַר, ווייל ער קען שענער,



ווייסט בעסער, פילט עלעגאַנטער, איז אַ וויכטיקערער פּאָעט ווי די אַנדערע. אָבער אַ זינד איז עס פאָרט. ווייל דער געלער וואַנזין איז צו מיר מער ווי קיאַ־הו־הע! צו לעיעלעסן אויך מער ווי דאָס. ווי שענער איז דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער אומגליק אַרויסגעזאָגט אין די פאָר איינפאַכע ווערטער: איך גיי אונטער. ער, דער „עולם קטן", גיים אונטער! ווי שענער, ווי געצווימטער, ווי אַריסטאָקראַטישער איז דער שלוכץ אין די סאָנעטן לעיעלעסעס, ווי טיפער „אַ נאָס אָן ברידער געטער", ווי פאַרפרוירענער און רעזיגנאַטאָרישער אין „ווינסלען". די נאַציאָנאַלע לידער וואָס פאַרנעמען קימאַט אַ העלפט פון לעיעלעסעס בוך לידער, זיינען זיינע **לענגסטע**, אָבער נים זיינע **גרעסטע** לידער. זיי זיינען איין ווילדער קיאַ־הו־הע! אין כאָר פון די, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער נאָבעלער אַרבעט פון באַשרייבן אונזער „נאַציאָנאַלן אומגליק".

וואָס פלאָנטערן די אַלע נאַציאָנאַלע לידער אויף? וואָס פאַרפלאָנטערן זיי?

ווען דער געשמאַק פון די איצטיקע ליבהאָבער פון מעלאָדעקלאַמאַציע וועט שטיינן, וועלן די אַלע נאַציאָנאַלע לידער קאָנען ווערן „פאָלקס־איינגנטום", אָבער שטיינן וועט דער געשמאַק זייערער מוזן צוליב דער פערפעקטער אַרבעט, וואָס איז פאַרשווענדט געוואָרן:

> שווער און שווערער.
> קיינמאָל נישט קלערער.
> קיינמאָל נישט מערער.
> — מערער —
> סייכל, זין.
> ענג און ענגער.
> וואָס נאָך לענגער?
> אַלעמאָל שטרענגער.
> שטרענגער.
> דער גזאַר־דין.
>
> פון דער „מייסע פון די הונדערט"

און צוליב די פּראַכטפולע אימאַזשן:

> דער געלער וואַנזין שפּאַנט,
> און צעשלאַנגט זיך אין אַ בויך־טאַנץ מיט דער אויפגעבליצטער קלאָרקייט.
> וואָס האָט זיך פּלוצים צעלאַכט
> מיט אַ קריידיקן לאַך.
>
> פון „ליד פון געלען וואַנזין"

> דעם מידבאָרס גזאַר איז: איין און איין.
> דער מידבאָר אָטעמט: ע־כ־אָ־ד...
>
> פון „ווייס און גאָלד".

> אין דעם האַרץ פון דעם מענטש נעסט זיך אַ פונק,
> גייט עס אויף מיט שאַרלעך־פלאַמען,
> ווערט עס אַ סרייפע, וואָס ברענט און פאַרברענט, צינדט אָן פאַרלענדט.
> לעשט די סרייפע מיט אַן אַנדער פייער,
> אַ ווייסן.
> יעהוינוא האָט עס פאַר אייך באַשטימט.

פאַרלענדט די רויטקייט מיט די שטראַמען, וואָס זיינען געליטערט ווי
דער טאַנץ פון וואַסערפאַל.

פון „ווייס און געלד"

וואָס איך וואָלט געוואָלט ארויסראטעווען.
אידייען? שטיינער זיינען אויך נעוויכטיס, אָבער ניט
זייער וויכטיס (פאַר מיר אַלענפאַלס ניט).
די שטילע, סוגעסטירנדע, פארבנרייכע, בילדליכע, עלענישע שורע
איז מיינע און ניט די אָנגעבלאָזענע, הוילע, לויזע, פאַרבלאָזע און
זאַמדיקע, ווי

טרוים פון טרוימען.
מענשליכסטער טרוים.
געטליכסטער טרוים.
דערלייזער בלוט.

„ווייס און געלד".

אָדער:

צו שפּעט.
צו שפּעט.
לאָזט מיך אָפּ.
לייזט מיך אויס
גאָאָרנישט.

„די מייסע פון די הונדערט"

לאַרענס דאַנבאַר האָט באַזונגען דעם טיפּן, שוואַרצן אומגליק פון
זיין ראַסע אין קליינע, שיינע, רירנדע לידער, און ביי אונז צעשמירט
מען אונזער אומגליק מיט שרעק־צייכנס און אויסרופס־צייכנס.

א. לעיעלעס האָט די דאָזיקע לאַרבערן ניט באַדאַרפט. זאָלן עס
פאַרברויכן נעזונטערהייט די יעניגע, וואָס דאַרפן זיי און אָטעמען
דערמיט, וואָס די שטום־צונגיקע גלאָקן פון דעם אָרימען לעזער קלינגען
נאָכאַנאַנד לעקישעוואַטע זייערע נעמען. אָבער א. לעיעלעס האָט זיך
אָן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אימאָרטעלן געקאָנט באַגיין. ווייל די לידער
זיינע אויף די זייטיקע אַלייען ארום דער „כעיונעדיקער" נאַציאָנאַלער
טעמע זיינען געגוג טרויעריק, טיף און מוזיקאַליש און ווייגען סיי ווי
מיט זייער איינגטימליכן אידישן געוויין.

# אַמעריקאַנער בריוו.

די אויסלעבונג פון א ליטעראַרישער שיטע איז שטענדיק פאַר־
אורזאַכט דורך דער פּסיכאָלאָגישער אומגעבונג פון יענער מיליע,
וואָס רינגלט זיי ארום: דאָס פאַרגעלאָפענע, וואָס זאָגט זיך אָפּ
איינגאַנצן פאַרטונקלט צו ווערן פון די נעגנוווערטיקע עקספּערימענטן
און וואָס פאַרפלעכט זיך אינ׳ם איצט, און דאָס קומענדע, וואָס
שטראָמט ארויס פאַרהילט אין פאַרבאָרגענעם שיין פון דעם נעגנ־
וואַרטיקן. איך באַנוץ זיך מיט דעם אַדיעקטיוו „פאַרבאָרגענעם"
אומיסטן, ווייל אויסגעקלאָרט ווערט עס, און רעליף טרעט עס ארויס
ערשט דאַן, ווען עס איז ניט מער עקספּערימענטאַל, אויס ספּעקולאַ־
טיוו — נאָר דאַן ווען די שיטע טרעט ארויס פון די ענגע ראַמען
פון שולע און ווערט א טייל פון דער טראַדיציע, וואָס צוזאַמענגע־
נומען מיט די אַלע ביזאַהעריקע ברייט־פאַרצווייגטע קאָנווענציעס,



קרינט עס דעם אנבליק פון א פּאָלקסאָמענער קונסט־צווייג, אין אַל־
איינשליסנדיקן זין פון וואָרט.

* * *

דער כילעק צווישן קינסטלערישע שולן באַשטייט פון זייער אויסגע־
קליבענעם מאַטעריאַל (0.01%), ווי אויך אין דעם עסטעטישן אָביעק־
טיווערן פון אַלע פּערזענליכע מאָטיוון, וואָס זייער אויסגאַנגס־פּונקט
איז די מענטשליכע פּסיכע (99.99%), „נעגנשטאַנד", „זאַך" איז אויך
ניט מער ווי מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישן אָביעקטיווערן, גלייך ווי
אַלע אַבסטראַקטע ווערטן. די מאָס אָנגעווענדט צו „דער זאַך" —
אין די געאָמעטרישע דימענסיעס — איז א רעלאַטיווע, סיידן עס
ווערט געזוכט די פיזיקאַלע באַגרענצונג צוצופירן צום N־טען גראַד פון
פּסיכאָלאָגישער מעגליך־אַבסאָלוטער ווערט. אין לעצטן פאַל איז די
גאַנצע „זאַך־שולע" קיין נייעס ניט און ברענגט ניט קיין רעוואָלו־
צ אָנערן קרעאַטיוון מאַטעריאַל צו דעם סכום קינסטלערישע אינ־
גרעדיענטן, וואָס די שאַפער פון פאַרגאַנגענע דורעס האָבן באַנוצט.

* * *

אַבסטראַקטע ווערטן קרינן א נייע דערלייזונג נאָר אויף דעם
אויפן פון ווערן געזען אין א ניי ליכט, א נייעם שיין פון שאַפן.
אַזוי ווי נאַטור שפּיגלט זיך אָפּ אויף אומצעליקע אויפאַנים אין אונ־
זער אימער־ציטערנדיקער, שטרייט־אונטערגעוואָרפענער פּסיכיק, ווערט
מיט דעם אָנקום פון דער נייער שולע אויך באַרייכערט די טערמינאָ־
לאָגיע. דאָס העלפט ארויס דער אַרכיטעקטאָניק אין דער ליטעראַטור.
די זעלבע קאָלירן, אונטערגעוואָרפן א נייעם סיידער פון מאָלן, זיינען
אין טויך די זעלבע אין יעדן זין. נאָר דער צושויער קרינט א פרישע
רעאַקציע פון דעם אויפסניי־אָנגעווענדטן סיידער פון זייער אויפ־
פאַסונג. דאָס פרישע רעאַגירן ביים דעם פאַרצווייגטן איינגע־
וואוינטן בליק, און יעדע נייע באַגעמונג פון צושויער אין זיין אַלגע־
מיינעם אומגאַנג מיט ווערטן איז אַזויערנאָך קאָלירט נאָר א דאַנק
דעם סיידער פון דער פאַרבן־אויסשטעלונג. אומגעפלאַנטע אָרדנונג,
אַפילע צופעליקע אומקאָאָרדינירטע פּאָעטישקייט ווירקט ווי א צע־
שטערונגס־מיטל, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס פאַרגאַנגענע ניט נאָר אין
אַנאַכראָניזם, נאָר אין אומנוויטיקן, און אין נוצליכן דאָס נייע —
ביז א נייערע אומוועגדונג און אויפפאַסונג וועט וועקסלען דאָס פאַר־
גאַנגענע.

* * *

אָפּטמאָל סומירט זיך אָן עפּאָכע מיט א קינסטלעריש ווערק —
און ניט זעלטן מער ווי מיט איינעם — וואָס אַנטפּלעקט מיט זיך אַלע
שטאַרקע אָדער עמעסע, און שוואַכע אָדער פאַלשע זייטן פון דעם
עקספּערימענטירטן, וואָס זיין בלוט ווייזט ארויס סימאָנים פון דער
שיטע׳ס נסיסע, דער שולע׳ס דערנענונג צום געפערליכן ראַנד. דאָס
ווערק איז דער שליסל צו אַלע פאַרגאַנגענע עפּאָכן, ווי זיי האָבן
זיך פאַרקערפּערט אין די קליינע, גרויסע, געניאַלע און מעסיקע ווערק
פון זייערע קינסטלערישע פאָרשטייער. עס איז לייכט געשטרויכלט
צו ווערן אין פאַרמישן ווערטן, באַטראַכטנדיק אָן ענליך ווערק. קיין
ערנסטער קינסטלער, וואָס זאָגט אין זיין ווערק א „זיי־געזונט" צו אָן
אַלטער שולע, וועט ניט פאַרפעלן אין דערזעלבער צייט צו געבן ט
וואונק אויף עפּעס נייס, וואָס קען ווערן דער אָנהויב פון א צוקונפטי־
קער שיטע. די אויפגאַבע איז א שווערע, ווייל כאָטש אין דעם אָפּ־
געשלאָסענעם אָפּגעשאַצטן מעג פעלן די פּערזענליכע נאָטסע — צו־
ליב גרעסערן קינסטלערישן עפעקט פאָדערט זיך פיליכט די „דע־
פּערסאָנאַליזירונג" פון אויטאָר — איז אָבער דער נייער אָנדיים,